אין שימעלעס אומקער צוריק צום באַלמעלאָכישן שטאם האָט שאָלעם-אַלייכעם נאָכאַמאָל באַוויזן דעם טיפֿן טהאָם און אָפּגרונט, וואָס עס טיילט אָפּ „אַמכאָ" פֿון די גווירים און אַריסטאָקראַטן. און האָט נאָכאַמאָל און האָט ווידעראַמאָל אויסגעדריקט זײַן סינע און פאַראַכטונג צו די גווירים און זײַן ליבע און סימפּאַטיע צו די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן.

אָט די טיפֿע ליבע צו די ברייטע פֿאָלקס-מאַסן, אין וועמעס נאָמען שאָלעם-אַלייכעם איז אָנגעפֿאַלן אױף די גווירים און אַריסטאָקראַטן, האָט דער ערשטער אויפֿגעכאַפּט און אָפּגעשאַצט ווי געהער דער געניאַלער רוסישער שרײַבער מאַקסים גאָרקי. גאָרקי גרענעצט ניט פֿאַנאַנדער אין שאָלעם-אַלייכעמס שאַפֿן דעם וואַרעמען לירישן הומאָר פֿון דער בײַסנדיקער אָנפֿאַלנדיקער סאַטירע.—„בײַ ייִדן איז געוועזן שאָלעם-אַלייכעם אַן אויסערגעוויינלעכער טאַלאַנטפֿולער סאַטיריק און הומאָריסט" (פֿון גאָרקיס שלוס-וואָרט אױפֿן אַלפֿאַרבאַנדישן שרײַבער-צוזאַמענפֿאָר).

אַלס אַזעלכן האָבן אים ניט געוואָלט זען די פֿאַרשיידענע „טעאָרעטיקער" פֿון רעכטס און „לינקס". אַזאַ איז אָבער דער געניאַלער פֿאָלקס-שרײַבער שאָלעם-אַלייכעם.

---

4-3

י. סערעבריאַני, ל. דושמאַן

# אייניקע מאַטעריאַלן צו דער כאַראַקטע-ריסטיק פֿונעם יונגן שאָלעם-אַלייכעם

שאָלעם-אַלייכעמס אָנהייבן אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָבן זייער אַ סך ענלעכקײַטן מיט די ערשטע טריט פֿון אונדזער עלטערן קלאַסיקער און גרונטלייגער פֿון דער מאָדערנער ייִדישער ליטעראַטור—מענדעלע מוכר-ספֿרים. ווי מענדעלע, האָט אויך שאָלעם-אַלייכעם זײַנע ערשטע ליטעראַרישע פּרוּוון אָנגעהויבן אין העברעיִש, זיך געדרוקט אַפֿילע מיט זײַנע „מײַמאָרים" אין העברעיִשע צײַטונגען („האַמײַליץ", „האַצפֿירה") און „שטאַרק אויסגענומען" מיט זײַן העברעיִשער „מעליצע". ווי מענדעלע, איז אויך שאָלעם-אַלייכעם איבערגעגאַנגען צו ייִדיש צוליב די נוצן פֿון די פֿאָלקס-מאַסן און זיך ניט אָפּגעשראָקן פֿאַר די „אויסדערוויילטע" שרײַבער און לייענער פֿון דער העברעיִשער ליטעראַטור.

שאָלעם-אַלייכעם האָט זיך דעריבער באַצויגן מיט גרויס אַכטונג צו יענע, וועלכע האָבן שוין פֿריִער אויפֿגעאַקערט דעם באָדן פֿאַר זײַן צוקונפֿטיקער ליטעראַרישער טעטיקײַט, און פֿריִער פֿאַר אַלץ צו מענדעלע מוכר-ספֿרים טאַקע, וועמען ער האָט שפּעטער באַקרוינט מיטן נאָמען „זיידע" (אין דעם אַרײַנפֿיר צו „סטעמפּעניו") און זיך באַטראַכט ווי זײַן אייניקל, וואָס איז באַרופֿן פֿאָרצוזעצן די מענדעלע-טראַדיציעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור.

די דאָזיקע אַכטונג און אויסערגעוויינלעכע דאַנקבאַרקײַט איז שוין קענטיק אין דעם ערשטן בריוו, וואָס דער „אָנפֿאַנגער" שאָלעם-אַלייכעם האָט געשיקט מענדעלען אין יאָר 1884, צו מענדעלעס 25-יאָריקן יוביליי.

שאָלעם-אַלייכעם איז אָבער געקומען מיט אַ יאָר 20 שפּעטער ווי מענדעלע—אין דער ייִדישער ליטעראַטור. סײַ דער געזעלשאַפֿטלעכער און פּאָליטישער לעבן און סײַ די ליטעראַטור האָבן זיך היפּש געענדערט.

אױפֿן געביט פֿון ליטעראַטור איז שוין שאָלעם-אַלייכעמען איצט אויסגעקומען צו פֿירן אַ קאַמף אױף צוויי פֿראָנטן. ערשטנס, קעגן דער בורזשואַזער העברעיִשער און ייִדישער ליטעראַטור, צווייטנס, קעגן דער בורזשואַזער ייִדישער שונד-ליטעראַטור. איצט איז שוין ניט געשטאַנען די פֿראַגע וועגן אַ ליטעראַטור בכלל אױף ייִדיש, נאָר וועגן אַן ערנסטער הויך-קינסטלערישער רעאַליסטישער ליטעראַטור, וואָס אינטערעסירט זיך אױף ברייטע לייענער-מאַסן, אַ ליטעראַטור, וואָס זאָל אָפּשפּיגלען ראָלע לעבן-אינטערעסן.

די דאָזיקע געזעלשאַפֿטלעכע און ליטעראַרישע אינטערעסן, וואָס האָבן זיך

שפעטער אזוי בולטע ארויסגעוויזנ בא דעמ גרויסנ שרײַבער-רעאליסט, וועלכער האָט אונדז געגעבנ אנ עמעסע ענציקלאָפעדיע פונעמ ייִדישנ לעבנ, האָט מענ שוינ געקענט באמערקנ אויכ אינ זײַנע ערשטע פרימיטיווע פעליעטאָנענ אינ דעמ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט“.

שוינ דאָ זײַנענ פאראנ א ריי בולטע אָנדײַטונגענ אפ דעמ שפעטערדיקנ שאָלעמ-אלייכעמ. שוינ אינ זײַנ פעליעטאָנ „די וויבאָרעס“ זײַנענ שארפ אויסגעלאכט די געזעלשאפטלעכע „פאראָנדקעס“ פונ יענער צײַט. נאָכמער איז עס קענטיק אינ די „איבערגעכאפטע בריוו אפ דער פאָסט“. די דאָזיקע סעריע „בריוו“ האָט שאָלעמ-אלייכעמ אָנגעהויבנ דרוקנ אינ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט“ אינ אָקטיאבער 1883 אונ געענדיקט אינ יול 1884.

ניט אומזיסט האָט שפעטער שאָלעמ-אלייכעמ אינ זײַנע „אויטאָביאָגראפישע פארצײַכענונגענ“ פארעכנט די דאָזיקע בריוו צו דעמ אָנהויב פונ זײַנ ליטערארישנ שאפנ.

מיר פובליקירנ דאָ נאָר עטלעכע אויסצוגנ פונ די דאָזיקע בריוו.

די „איבערגעכאפטע בריוו אפ דער פאָסט“ זײַנענ אָנגעשריבנ אינ דער פאָרמ פונ א קאָרעספאָנדענצ צווישנ „רעב לייבעלע פונ יענער וועלט צו רעב וועלוועלע אפ דער וועלט“. אינ די „בריוו“, וואָס זײַנענ געווענ געדרוקט אינ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט“ נומ. 7, 1884, שרײַבט דאָרטנ רעב לייבעלע אזוי:

„אלזאָ, ליבער וועלוועלע, ווייסטו שוינ, וואָס איכ טראכט דיר צו שרײַבנ? עס קענ זײַנ, אז אפ דעמ ערשטנ מאָל וועלנ דיר מײַנע בריוו אויסווײַזנ אביסל סקוטשנע, נאָר אז דו וועסט זיכ גוט אײַנקוקנ אינ מײַנע בריוו, וועסטו האנאָע האָבנ. איכ ווייס ניט, אויב זיי וועלנ דיר ברענגענ א נוצ, מאכמעס מע האָט דיכ געמאכט פאר א מעשוגענעמ, וועסטו זיכ פונ די קלאָרע לײַט, וואָס זײַנענ געוויס ערגער מעשוגע פונ דיר, אזוי גיכ ניט ארויסרײַסנ; דערפאר וועלנ אָבער אונדזערע בריוו ברענגענ א נוצ אנדערע, איכ מיינ די לעזער פונ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט“. א סימנ האָסטו, וועלוועלע, אז אונדזערע בריוו אינטערעסירנ יאָ עמעצנ, אז עס האָט זיכ אָפגעזוכט אפ דער וועלט א שלאק עפעס „שאָלעמ-אלייכעמ“, וואָס פוילט זיכ ניט גיינ אפ פאָטשט אונ איבערכאפנ אונדזערע בריוו אונ אראָפנעמענ פונ זיי א קאָפיע אונ שיקנ אינ דער רעדאקציע, אונ דאָס „ייִדישע פאָלקסבלאַט“ כאפט זיי אזוי, ווי עפעס רעכטס. מיסטאמע זײַנענ די לעזער אויכ צופרידנ,—א סימנ, וועלוועלע, אז מיר זײַנענ ניצלעכ. טאָמער וועסטו געוואָר ווערנ, ווער איז דער ש אָ ל ע מ-א ל י י כ ע מ, מעגסטו אימ זאָגנ פונ מײַנעטוועגנ, אז איכ בינ אימ דערפאר דער בעסטער גוטער פרײַנט“.

אינ דעמ אויבנגעבראכטנ אויסצוג זײַנענ פריער פאר אלצ וויכטיק שאָלעמ-אלייכעמס אָנצוהערענישנ וועגנ די „קלאָרע לײַט, וואָס זײַנענ געוויס ערגער מעשוגע פונ דיר“. דאָ איז אינ א פרימיטיווער אונ קורצער פאָרמ פאקטיש ארויסגעזאָגט דער עמעס וועגנ דער „מעשוגענער“ געזעלשאפטלעכער אָרדענונג. דאָס, וואָס מענדעלע האָט שוינ קאָנסטאטירט אינ דער „קליאטשע“ (ייִסראָליק דער מעשוגענער), אָדער טשעכאָוו, אשטייגער, אינ זײַנ „פאלאטע נומ. 6“ אונ אנד. ווײַטער די גאנצע מיסטיפיקאציע מיט דעמ „שלאק“ שאָלעמ-אלייכעמ, וואָס כאפט איבער די בריוו,



דאָס ווערט שפעטער בא שאָלעמ-אלייכעמענ א שטענדיקער קינסטלערישער מיטל באמ קאָמפאנירנ זײַנע גלענצנדיקע סעריעס: טעוויע, מענאכעמ-מענדל, מאָטל פייסעס, אײַזנבאנ-געשיכטעס, נאָר אָנשטאָט דער פרימיטיווער אלעגאָרישער פאָרמ פונ עפעס א לייבעלע פונ יענער וועלט מיט א רעב וועלוועל פונ דער וועלט, וועלנ קומענ די רעאליסטישע ארײַנפירנ, וואָס זײַנענ אליינ פאר זיכ א שטיק קונסט. ליטעראריש גענומענ ציִענ זיי זייער ייִכעס ווידער פונ מענדעלע מויכער-ספאָרימ מיט זײַנ פערד אונ וועגל.

אינ א צווייטנ „בריוו“ („ייִדישער פאָלקסבלאַט“ נומ. 26, 1884) האָבנ מיר ווידער זייער כאראקטעריסטישע מאָטיוונ פאר שאָלעמ-אלייכעמענ, דערווײַל ארויסגעזאָגטע גאנצ פרימיטיוו אונ דירעקט, אָנ „קונצנ“.

„ריבינסק, 22 מײַ. דאָ געפינענ זיכ גרויסע קינסטלער, וואָס מאכנ קראנק געזונטע סאָלדאטנ פאר א קערבל. עס וואָלט א יוישער געווענ, אז די היגע ייִדנ זאָלנ ארויסגעבנ דעמ פאָקוסניק, וואָס מאכט אומגליקלעכ נארישע מענטשנ. אפ דער פאָטשט האָב איכ דאָ איבערגעכאפט אנ אָנגעבלאָזענעמ פעליעטאָנ פונ א מעכאבער ש. וו—ק. ער גיט זיכ ארויס פאר א פארפאסער פונ עטלעכע ראָמאנענ: „רעב יויכנטשע“, „שוישאנע ביינ האכויכימ“, „די פארלאָרענע קינדער“ א.ד.גל. א וווּנדער, וואָס איכ האָב ביז איצט ניט געהערט פונ די דאָזיקע נײַגעבאָרענע ראָמאנענ! אונדזערע זשארגאָנ-שרײַבער באקנ ראָמאנענ ווי קארטאָפליעס אפ דעמ צענדליק, אונ עס זאָל דאָס אפילע איינער ארײַנשיקנ איינ עקזעמפליאר אינ דער רעדאקציע פונ דעמ „ייִדישנ פאָלקסבלאַט“, אינ וועלכנ עס וואָלט געקומענ א רעצענזיע צו גוטנ אָדער צומ שלעכטנ, אונ דאמיט געלאָזט הערנ אפ דער וועלט דעמ מעכאבער מיט זײַנע פארפאסונגענ, אָדער מאזל געווענ די בלינדע מאסע פונ צו פארברענגענ די גאָלדענע צײַט איבער זייערע שמאטעס, די נארישע אונ שעדלעכע ראָמאנענ... באהאלט זיכ, פארבאָרגט זיכ, קליינע ייִדישע מעכאברימלעכ! פארקויפט אײַערע פוסטע נארישע ביכלעכ די אומגעבילדעטע פאקנטרעגער (מויכריי-ספאָ[illegible]), וועלכע וועלנ זיי געוויס אויספארקויפנ גלײַכ מיט די בארדיטשעווער יארמעלקעלעכ, מעזוזעס, ציצעס, בערשעדער טאלייסימ-קטאנימ, טשערנאָבעלער באטימ מיט רעצועס!—אָט דאָס איז די לאגע פונ אונדזער זשארגאָנ-בעלעטריסטיק אינ יעצטיקער צײַט!—זייער ניט אָנגענעמ!...“

אויכ אינ אָט דעמ „בריוו“, ווי מיר זעענ, גייענ בא שאָלעמ-אלייכעמענ האנט בא האנט די געזעלשאפטלעכע אונ ליטערארישע אינטערעסנ. א קאמפ קעגנ די „קינסטלער“, וואָס מאכנ קראנק געזונטע סאָלדאטנ אונ קעגנ די „קינסטלער“, וואָס מאכנ קראנק דעמ געזונטנ לייענער. בעעמעס, זייער ניט קיינ „אָנגענעמע“ לאגעס שילדערט אונדז דאָ שאָלעמ-אלייכעמ. אָט דאָ זײַנענ שוינ בולטע קענטיק שאָלעמ-אלייכעמס ערשטע טריט פונ זײַנ קאמפ פאר אנ ערנסטער אונ עכטער קינסטלערישער ליטעראטור.

אינ א שפעטערדיקנ בריוו (דאָרטנ, נומ. 31, 1884) לאכט אויס שאָלעמ-אלייכעמ ניט נאָר די „שעפער“ פונ דער שונד-ליטעראטור, נאָר אויכ די אייגנארטיקע ג ע ב ר ו י כ ע ר פונ דער דאָזיקער בולוואר-ליטעראטור. אָט דער בריוו איז בעפיירעש

א באַלערנדיקער און ער מאַכט אונדז קלאָר איינעם א זייער וויכטיקן איניען אין אונדזער ליטעראַטור־קענטעניש...

געשריבן איז דער בריוו „צום הערן שאָלעם־אַלייכעם פון גאַמליעל בען פאַדהאָצער״ (שאָלעם־אַלייכעמס א פּסעוודאָנים). עס ווערט דערציילט, ווי הערשעלע איז געווען אף דער פּאָטשט „און האָט געשלעפּט פרעמדע פּאַקעטן פון דעם בריווקעסטל. אין עטלעכע מינוט ארום איז ער שוין געזעסן אין דעם לופטבאַלאָן און איז געפלויגן ווי אַן אָדלער אונטערן הימל און מיר אַלע זײַנען געבליבן ווי די אָפּגעשמיסענע. איך האָב דערזען, ווי עס פליִען פון דעם לופטבאַלאָן אראָפּ שטיקלעך פּאַפּיר מיט צוריסענע קאָנווערטן, בין איך ניט פויל געווען און האָב זיי צונויפגעקליבן אַלע און האָב דאָרט געפונען פיל אינטערעסאַנטע זאַכן, וועלכע איך רעכן פאַר נייטיק אײַך מודיִע צו זײַן, און איר טוט מיט זיי וואָס איר ווילט. צווישן די שטיקלעך פּאַפּיר האָט זיך מיר א וואָרף געטאָן אין די אויגן זייער א באַקאַנטע האַנטשריפט פון א באַקאַנטע דאַמע, וועלכע הייסט בא אונדז „די מאַדאַם״. בא אונדז יידן איז שווער צו דערגרייכן צו דער מאַדרייגע, אז מע זאָל הייסן „מאַדאַם״. דערצו מוז מען טראָגן א גרויסן הוט, א לאַנגן שלייף מיט אַלע אַנדערע מאָדעס און „לויזן״ שאָמערס א העכסט־אינטערעסאַנטן ראָמאַן...

איך האָב די פּאַפּירלעך צונויפגעשטעלט און האָב איבערגעלייענט אזא מין שיר:

„איך בין מיר א פראַנטיכע—
די ערשטע אין לובען;
עס איז מיר אָבער גאָרנישט ניכע
דאָס אַלעס, וואָס איך קען.

וואָס פאַרא גרעסטע מאָדע
עס קומט נאָר אָן פון פּאַריז,
קליידער אף יעדער פּאַגאָדע—
איז דאָס בא מיר א מיז.

וואָס קומט מיר אָבער ארויס,
פאַר וועמען זאָל איך זיך פּיצן,
אז איינע אַליין אין הויז
מוז איך שטענדיק זיצן?

ווען ניט שאָמער מיט זײַנע ראָמאַנען,
וואָלט איך פון זינען אראָפּ;
דאָרט איז אזעלכע העלדן פאַראַנען,
עס דרייט זיך פּאַשעט דער קאָפּ!!!...

אָבער דאָ... זע איך ניט קיינעם,
נאָר די שוויגער, נאָר דעם שווער,
און אויך מײַנעם דעם ק ל ײ נ ע ם
און ווײַטער קיינעם ניכט מער...״



„די איבעריקע שטיקלעך פּאַפּיר האָב איך קאָם מיט צאָרעס צונויפגעשטעלט, ווי אז אין פיל ערטער גייען אָפּ אַסאַך ווערטער: „דער קאַצעוו... ער איז דער גאַלטאַקסע... דער פירער פון דער טאַלמעטוירע... האָט זיך געקויפט דינע שטיוול... מע גיט אים „שישי״... א טאָעס געהאַט און געמאַכט א בראָכע אף דער טוירע אשער יאָצאַר״...

... „די כאַדאָרים געפּערלעך... מיסט, בלאָטע, שטינקט, ניטאָ קיין לופט... געפערלעך בעשאַס כאָליערע... מעלאַמדים פרומע, נאָר גראָבע יונגען... מע קאָן קיין ווערע ניט...״

„יידן־שענקאַרעס... רײַכע לעבן... אָרעמעלײַט שטאַרבן... ניטאָ קיין עלטערס... ווייסע אזעספּענעמער...״

אויסער די אַנטיר עליגיעזע און אַנדערע סאָציִאַלע מאָמענטן, וואָס זײַנען דאָ פאַראַן, טיילט זיך באַזונדערס אויס אין דעם בריוו די ברייטערע כאַראַקטעריסטיק, וואָס שאָלעם־אַלייכעם גיט דאָ דעם לייענער פון שאָמערס ראָמאַנען.

א לאַנגע צײַט, אז עס הערשט א לעגענדע ארום דער לייענער־באַזע פון שאָמערן. עס גילט שוין קימאַט ווי אַן אַקסיאָמע, אז שאָמערס לייענער זײַנען דערי־קער די דינסטמיידלעך און מעשאָרסים. אף דעם גרונט איז שוין אפילע אַמאָל אויפגעקומען א „טעאָריע״ בא אונדז (דער פאַרשטאָרבענער וועוויאָרקע), אז שאָמער איז, הייסט עס, א פּראָלעטאַרישער שרײַבער, דער „קאַמף״, וואָס איז געפירט געוואָרן קעגן דער דאָזיקער טעאָריע, איז געווען א „ריין מעטאָדאָלאָגישער״. מע האָט זיך געסטאַרעט דערווײַזן, אז מע טאָר ניט צונויפמישן די לייענער־באַזע, דעם עגרויכער, מיט דעם קלאַסן־באַוווסטזײַן פונעם אווטאָר, מיט זײַן קלאַסן־באַזע. ערבײַ האָט מען זיך פּאָשעט „פאַרגעסן״ א קוק טאָן אף דערווירקלעכקײַט גופע: זי האָבן אינדערעמעסן שאָמערס ראָמאַנען באַפרידיקט נאָר די באַדערפעניש פון די דינסט־מיידלעך, צי ברעכט מען זיך דאָ ניט אין אָפענע טירן?

סײַ אין דעם געבראַכטן בריוו, און סײַ אין אַנדערע ערטער (אין „סענדער בלאַנק״, א שטייגער), דערווײַזט שאָלעם־אַלייכעם, אז שאָמערן און זײַנס גלײַכן האָבן געלייענט דאַפקע די הויכגעשעצטע אויפגעקומענע בורזשואזע דאַמען, וועלכע האָבן אין זייער ליידיקגייען, ענלעך ווי זייערע מענער, זיך שטאַרק געצויגן צום אַריסטאָקראַטישן ייִכעס—צו די פּרינצן און הערצאָגן, און מיט דעם אביסל מאַכן זייער זייער נישטיקע און פּוסטע אויסקומעניש. אזעלכע זאַכן לייגן זיך אפן שכל. און אזוי ארום פאַלט שוין בעמיילע אָפּ די אויבנדערמאָנטע „טעאָריע״ פון אַלע שטאַנדפּונקטן.

שאָלעם־אַלייכעמס קאַמף קעגן שאָמערן און זײַנס גלײַכן הויבט זיך אָן, ווי מיר ווייסן, נאָך אַסאַך פריִער פאַר זײַן „שאָמערס מישפּעט״ (1888) און ווערט פאָרגע־זעצט אויך ווײַטער אף פאַרשיידענע אויפאַנים: שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאַנען „סענ־דער בלאַנק״, „יאָסעלע סאָלאָוויי״ און „סטעמפּעניו״ זײַנען אין א היפּשער מאָס געווענדעט קעגן שאָמערן סײַ מיט דער אייגנאַרטיקער טעאָריע שאָלעם־אַלייכעמס פון „יידישן ראָמאַן״, און סײַ אין א ריי דעטאַלן באַם אויספאָרמירן די ווערק.

אפילע אין יאָר 1899 שרײַבט נאָך אָן שאָלעם־אַלייכעם א ספּעציִעלע פּאַראָדיע אף שאָמערן. דער נאָמען אַליין וואָס איז ווערט: „אין ספּאָרים־קלייטל (א שפּאַס).—

„טאטע־מאמע־כאָסן־קאלע שוועסטער און ברידער—אָדער—געשאָסן, געסאמט, גע־
קוילעט און געשטאָכן. א העכסט־אינטערעסאנטער ראָמאן אין 4 טיילן מיט אן עפּי־
לאָג. פארפאסט אפ שײַקעוויטשעס שניט פון שאָלעם־אַלייכעם״.
שאָלעם־אַלייכעם האָט דאָ גלענצנדיק דעמאָנסטרירט די גאנצע מעכאניקע פון
שאָמערס ראָמאנען.

אין „יידישן פאָלקסבלאט״ האָט זיך נאָך שאָלעם־אַלייכעם לאנג געדרוקט מיט
זײַנע פעליעטאָנען אפ פארשיידענע טעמעס פון דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן,
פון שטעט און שטעטלעך, „פונעם וועג״, און איז פאר דער צײַט געוואָרן זייער
פּאָפּוליער בא דעם לייענער־עולם. אָבער פון יאָר 1888, 1889 הויבט שוין אָן
דער זעלבער „פאָלקס־בלאט״ אינדערשפיץ מיט זײַנע רעדאקטאָרן (באזונדערס לעווי)
און מיטארבעטער א פארביסענע קאמפאניע קעגן שאָלעם־אַלייכעמען און זײַנע
קאָלעגן שרײַבער. און עס איז ניט קיין וווּנדער. אין דער פערזאָן פון שאָלעם־
אַלייכעם און מענדעלען האָט די פרימיטיוו־מאסקילישע, פאלעסטינאָפילישע „יידישע
פאָלקסבלאט״ דערפילט דעם באגרעבער פון אלע זייערע האסאָגעס וועגן וועלט און
מענטש, וועגן דער יידישער שפראך און ליטעראטור.

אינטערעסאנט צו ברענגען אייניקע איליוסטראציעס פון דער דאָזיקער קאמפא־
ניע. דער לייטארטיקל פון „יידישן פאָלקסבלאט״ נום. 6, 1889 הויבט זיך אָן אזוי:
„קלוגע מענטשן, די זיידעס און די אייניקלעך פונעם זשארגאָן, שרײַען גוואלד,
וואָרום מיר זאָגן מוסער דעם עולם און מיר שרײַבן ניט בעסער וועגן א „פישקע
דעם קרומען״, א „סטעמפעניו״ און ד. גל., און זיי זײַנען עפשער טאקע גאנצ
געערכט... דאָך מיינען מיר, וואָלט עפעס ניט קיין גרויסער דערעכערעץ געווען זיי
ארײַנצושטעלן אויבנאָן אין א צײַטונג. דארום וועלן מיר בעסער ריידן, כאָטש
איבער דעם איניען פון א ביקער־כוילים...״

דער לייטארטיקל אין נום. 12 רעדט גאָר וועגן כעוורעס בא יידן, און אויך
דאָרט פארגעסט ניט י. לעווי א טשעפּע טאָן די יידישע שרײַבער. ער שרײַבט: „ה
כעווירע „טרור״ האָט ארויסגעגעבן די זעמטלעכע ווערק פון אונדזער זעליקן פובלי־
ציסט און ערשטן רוסיש־יידישן שריפטשטעלער א. א. ראבינאָוויטש, און דער רע־
ווער פון דער אויסגאבע דארף עס גיין צושטײַער אפ די הויצאָעס פון דער רעמעס־
לענאָיע אוטשילישטשע—אָבער וועט עס וועמען אײַנפאלן אין זינען צו קויפן די
טײַערע ווערק, מע זאָל דערמיט פארדינען צוויי מיצוועס צוזאמען? כאָלילע! מע
וועט בעסער קויפן אלערליי שמוץ, אלערליי „יידיש־ליטעראריש באשעפעניש״, און
ראבינאָוויטשעס טײַערע ווערק וועלן מיסטאמע ליגן אזוי לאנג, ביז מע וועט ע־
דארפן לעסאָפ פארקויפן אפ אײַנצוויקלען פוטער״.

אפ דער אָנפראגע פון א לייענער וועגן די פרעמיעס פון „ייד. פ.ב.״, באקומט
יענער אן ענטפער אין בריוו־קאסטן, אז קיין פרעמיעס וועט מען ניט געבן, ווײַל
די רעדאקציע האָט גענוג העזוק אָן די פרעמיעס. „בעט פרעמיעס בא די גרויסע
פאטריאָטן פונעם הייליקן זשארגאָן, וואָס טוען אלע טאכבולעס אים מעקאבער צו
זײַן. שאָלעם־אַלייכעם—זאָגט מען—איז גאנצ הײַך, אָנאנאָרע, און ער איז דער



ערשטער פאטריאָט פונעם זשארגאָן—ער וועט אײַך מיסטאמע ניט זשאַלעווען קיין
פרעמיעס״.
אין נום. 9־10 פאלט אָן איינער אולריך קאלמוס אין זײַן „אָפענעם בריוו צו
שאָלעם־אַלייכעם״ און זידלט אים מיט די ערגסטע ווערטער. ער שרײַבט: „איך האָב
ביז ניט לאנג קיין שום האסאָגע ניט געהאט ניט פון אײַערע טײַערע כיבורים און
אפילע ניט פון הער שאָמערס ווערק. מיך האָט אופמערקזאם געמאכט דערויף א
גוטער באקאנטער, וועלכער האָט מיר אויך פארשאפט דעם ה׳ שאָמערס ווערק, און
אויך אײַערע אייניקע געערטע כיבורים, אונטער וועלכע עס איז אויך געווען אײַער
„שאָמערס מישפעט״. און אין דעם לעצטן כיבער האָב איך געלעזן (זײַטע 93) פאָלגנדע
ווערטער, וואָס זײַנען שייעך צו מיר אליין: אָט דאָ ניט לאנג האָט א נײַער מינ
מעכאבער, עפעס איינער אולריך קאלמוס (דאכט זיך אויך פון אָדעס?...) איבערגעני־
צוועט איינעם פון שאָמערס ראָמאנען „א פאטש פון זײַן ליבן נאָמען״, ווי דער
באלעבאָס האָט כאסענע פאר דער קעכן צוליב דעם גרויסן געווינס. נאָר דער אול־
ריך קאלמוס האָט עס ארויסגעגעבן פאר א דראמע (א זעלטנהייט!...) אונטער דעם
נאָמען „דער גרויסער טרעפער״ און מיט אזא שיינער שפראכע, אז ער מעג הייצן
די הרובע בא שאָמערן. און דער אינהאלט גופע איז אויך זייער אינטערעסאנט
דען אלע העלדן בא אולריך קאלמוס טרינקען ראק קאַפע. סע ווײַזט אויס, אז
אולריך קאלמוס האָט ניט פײַנט קיין קאווע, און קאווע איז דאָך אזא מאשקע,
וואָס סע מאכט ניט קאַליע״...
און דאָ צעלאָזט זיך דער אולריך קאלמוס און זידלט שאָלעם־אַלייכעמען דער־
פאר, וואָס יענער האָט אים געטראָפן אין פינטל ארײַן.
דער רעדאקטאָר לעווי לאכט גאַליק אויס שאָלעם־אַלייכעמס ראָמאן „סטעמפעניו״,
ער בינדט זיך צו יעדן וואָרט, אים איז ניט געפעלן שאָלעם־אַלייכעמס „אויסלייג־
עכץ״:

orthography

„... זאָגט מיר, ליבער פרײַנט, איך „בייט אײַך״, אין דעם ראָמאן האָט איר
שוין דאָס טאקע אײַערע קלאָלים פון „אויסלייגעכץ״? דארף מען דאָס טאקע נאָך
די נײַע קלאָלים שרײַבן, „עלעהעי״, „מאנסבעל״, „אָנגעקוועלט״ און נאָך טויזנדע
אזעלכע ליבע „אויסלייגעכצן״? בעקיצער, אין דעם „סטעמפעניו״ וועט מען געפי־
נען דעם גאנצן קעז, וואָס דער ליבער ה׳ שאָלעם־אַלייכעם האָט ראק מאַוטיעכ
געווען, אז מע וועט געפינען, אז מע וועט נור בייסן ווײַטער״.
וועגן לעוויס „אויסלייגעכץ״ און זײַנע אנדערע מידעס האָט זייער בוילעט גע־
שריבן ספעקטאָר.
„באלד ווי די צײַטונג (די „יידישע פאָלקסבלאט״) איז ארײַנגעפאלן אין לעוויס
הענט, האָט ער זיך דאָרטן אנידערגעשטעלט, אז מע זאָל אים האלטן ניט נאָר פאר
א „ליטעראטאָר״ און פאר א „רעדאקטאָר״, נאָר אויך פאר א רעפאָרמאטאָר אין
דער יידישער ליטעראטור און האָט אָנגעהויבן מאכן רעפאָרמען אין דעם „אויס־
לייגן״, אין דעם „סטיל״ און ביקלאל אין דעם צוועק פון דער יידישער ליטערא־
טור.
„פריער פאר אלץ האָט ער מוידיע געווען, אז דער צוועק פון דער יידישער
צײַטונג וואָס ער גיט ארויס, איז—צו פארטיליקן דעם גאנצן זשארגאָן מיט זײַן